**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**פייערן ניו יארק לערער: גאווארנער האקול מעלדט STEM לערער וואס זענען דערוועלט געווארן צו רעפריזענטירן ניו יארק סטעיט'ס ערשטקלאסיגע ערציאונג סיסטעם**

***מער פון 175 אויסשטייענדע STEM לערער-פירער אויסגעוועלט צו אינספירירן קומעדיגע גענעראציע פון ערציער, דורך מייסטער לערער פראגראם; 27 קאונסעלערס אויפגענומען צו אינאגוראלע מייסטער קאונסעלער פראגראם***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס קאמפריהענסיוו סטראטעגיע צו וואקסן ניו יארק סטעיט'ס לערער ארבעטסקראפט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געפייערט ניו יארק סטעיט'ס לערער דורך די אויסוואייל פון 177 STEM לערער פאר די ניו יארק סטעיט מייסטער לערער פראגראם, אזוי אויך 27 קאונסעלארס אלץ טייל פון די ערשטע קאהארט פון די מייסטער קאונסעלאר פראגראם. מייסטער לערערס און מייסטער קאונסעלארס זענען פירערס אין זייערע קענטעניסן, דינענדיג אלץ וועגווייזערס פאר סטודענטן און אנהויב-קאריערע לערערס און קאונסעלארס.

"ערציער שפילן א וויכטיגע ראלע אין אנגרייטן די קומעדיגע גענעראציע פאר א ערהייכפולע צוקונפט נישט נאר דורך זיי אויסלערנען נאר דורך זיך זארגן פאר זיי ביי יעדער שטאפל פון זייער בילדונג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו פייערן די אויסערגעווענליכע לערער און קאונסעלער וועלכע מאכן א ווירקונג אויף ניו יארק סטעיט'ס סטודענטן יעדן טאג. אונז זענען דאנקבאר צו אונזער ערציער פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק'ס קינדער."

גאווערנער Hochul (האקול) האט אנגעהויבן פראגראמען צו אינספירירן מער ניו יארקער צו זיך מיטשטעלן מיט די ערציונג פראפעסיע. אין צוגאב צו די ניו יארק סטעיט מייסטער לערער פראגראם, וועלכע נעמט אריין א פראפעסיאנאלען נעטווארק פון מער ווי 1,700 פאבליק-שולע לערערס מיט א ווילן צו אינספירירן די קומענדיגע דור פון ערציאונג פירערס, גאווארנער Hochul'ס (האקול) לאנדמארק [SUNY ווידערפארבינדונג פראגראם (SUNY Reconnect program)](#) טוט דעזיגנירן לערנען אין מאנגל ערטער אלץ א הויכך-פארלאנג פעלד.

די מאסטער לערער פראגראם ווערט אפגעהאלטן ביי ניין SUNY קאמפוסעס צו דערגרייכן די עקספערטיז פון די אוניווערזיטעט'ס אנשטאלט און עקזיסטירנדע ערציאונג צוגרייטונג פראגראמען, און SUNY קעגנער ארבעטן רעגלמעסיג צוזאמען מיט לאקאלע STEM קאריערע און אינדוסטרי עקספערטן.

**SUNY טשענסעלאר John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניאר) האט געזאגט,** "ערציער און קאונסעלארס זענען א וויכטיגע טייל פון אנוויזן סטודענטן דורך זייער אקאדעמישע רייזע, און SUNY איז שטאלץ צו זיין ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע אנגרייטער פאר די קומעדיגע גענעראציע פון ערציער. א דאנק

צו גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנערקענען די עקסעלענץ פון ניו יארק'ס מייסטער לערער און פארן לאזן אין גאנג די מייסטער קאונסעלאר אנערקענונג. די באמיהונג העלפט אינטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון אלע לערער און קאונסעלארס אין די סטעיט פארן העלפן סטודענטן עררייכען זייער קאלעדש און קאריערער צילן."

**די SUNY בארד פון טראסטיס האט געזאגט,** "א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר נאכאנאנדע שטיצע פון ניו יארק'ס לערער און קאונסעלארס. SUNY שטאלצירט זיך אין איר פראגראמען און אינטערנשיפס צו שטעלן אספירירענדע לערער אויף א וועג פאראויס צו סטודענט סוקסעס. ניו יארק סטעיט'ס לערער זענען צווישען די בעסטע, און אונז זענען דעדיקירט צו פארזיכערן מער ניו יארקער קומען אריין אין זייער ראנקען."

די נייע מיטגלידער פון די מייסטער לערער פראגראם רעפרעזענטירן 151 שולע-דיסטריקטס מיט א מעסטער לערער אדער מעסטער קאונסלער צווישן זייער אנשטאלט, מיט 48 פראגראם מיטגלידער פון שטארק-נויטיגע דיסטריקטס אריינגערעכנט אלבאני, בופאלא, בינגהאמטאן, פלאטסבורג סיטי, ראטשעסטער שענעקטאדי, סיראקוס, יוטיקא, און, פאר קאונסלערס, ניו יארק סיטי שולע דיסטריקטס.

מייסטער לערערס שטיצן סטודענטן פון קינדערגארטן ביז הויך שולע (K-12) אין די פעלדער פון סייענס, טעכנאלאגיע, קאמפיוטער סייענס, ראבאטיקס, קאודינג, ענדשינירונג, רעכענען און אינטעגרירטע STEM און אגריקולטורישע בילדונג. פולע נייע מייסטער לערער און מייסטער קאונסעלער מיטגלידער זענען געווארן אנערקענט דורך זייער לאקאלע שולע דיסטריקטס און געמיינדע ארגאנעזעציעס פאר זייער ארבעט מיט סטודענטן.

מער ווי זעכציג פראצענט פון די נייע מיטגלידער זענען געווען אין קלאסצימערן פאר מער ווי צען יאר, און מער ווי 50 פראצענט זענען געווען לערערס פאר 15 יאר אדער מער. די אריינקומענדע גרופע פון מעסטער לערערס איז צאמגעשטעלט פון 25 פראצענט עלעמענטרי לעוול לערערס, 50 לערעס מיט עטליכע לערנונג סערטיפיקאטן, 28 לערערס סערטיפייד אין ספעשל עדיוקעישן, פיר לערערס וואס האבן א אויסלערנען ענגליש צו רעדנער פון אנדערע שפראכן ( Teaching English to Speakers of Other Languages, TESOL) סערטיפיקאציע אדער ביילינגועל ערציאונג עקסטענשן, און צוויי לערער וועלכע האבן אן אגריקולטורישע ערציונג סערטיפיקאציע.

די אינאגוראלע קאהארט פון מייסטער קאונסלערס זענען אקטיווע מיטגלידער פון זייערע פראפעסיאנאלע אסאסיאציעס דינענעדיג אין פירערשאפט ראלעס, און פארבינדן זיך רעגלמעסיג מיט לאקאלע אינדוסטריס צו העלפן סטודענטן אויספלאסטען א וועג צו סוקסעס. מער ווי האלב פון די מייסטער קאונסלערס זענען געווען אין א קאונסלינג ראלע פאר מער ווי צען יאר.

די קאונסעלארס דינען אין פארשידענע דיסטריקט-שטאפל און סטעיט-שטאפל ראלעס, זיך איינשליסנדיג אינעם פראגראם אלץ ערפארענע פירערס איבערגעגעבן צו אנטוויקלען און מיטטיילן די בעסטע פראקטיקן. מער ווי פופציג פראצענט פון די מאסטער קאונסלערס האבן נאך סערטיפיקאטן אדער NYS טרענירונגען אריינגערעכנט דיסאביליטי סערוויסעס און נאציאנאלע באורד.

די סך הכל נומער פון לערערס און קאונסלערס דערוועלט פון יעדע ראיאן, און די רעספעקטיווע פארטנער SUNY קאמפוס, זענען:

- **הויפטשטאט ראיאן:** 236 מייסטער לערער און פינעף מייסטער קאונסעלאר (די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק אין אלבעני )
- **צענטראל ניו יארק:** 225 מאסטער לערערס און פינעף מייסטער קאונסלערס (SUNY קארטלענד)

- **פינגער לעיקס:** 256 מייסטער לערערס און זעקס מייסטער קאונסלערס (SUNY גענעסעא)
- **לאנג איילענד:** 234 מייסטער לערער און אכט מייסטער קאונסעלאר (די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק אין סטאוני ברוק )
- **מיטל-האדסאן:** 227 מייסטער לערערס און עלעף מאסטער קאונסלערס (SUNY ניו פאלץ)
- **מאוהאק וואלי:** 157 מייסטער לערערס און זיבן מייסטער קאונסלערס (SUNY אניענטא)
- **נארט קאנטרי:** 133 מייסטער לערערס און ניין מייסטער קאונסלערס (SUNY פלאטסבורג)
- **דרום טייל ראיאן:** 271 מייסטער לערער און ניין מייסטער קאונסעלאר (די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק אין בינגהאמטאן)
- **מערב ניו יארק:** 265 מייסטער לערערס און ניין מייסטער קאונסלערס (SUNY באפעלא סטעיט יוניווערזיטעט)
- **ניו יארק סיטי:** 160 מייסטער לערערס (אין צוזאמענארבעט מיט Math פאר אמעריקע) און ניין מייסטער קאונסלערס (אין די ניו יארק סטעיט פראגראם)

דורך זייער פיר-יעריגע אנטיילנעמונג אין די פראגראם וועלן מייסטער לערערס, און מייסטער קאונסלערס באקומען א $15,000 געהאלט יערליך; ארבעטן אין פיער מענטארינג און אינטענסיוו אינהאלט באזירטע פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג געלעגנהייט דורכאויס די אקאדעמישע יאר; ארבעטן נאנט מיט פאר-סערוויס און פריע קאריערע לערערס און קאונסלערס צו שטיצן א שטיצנדע אומגעבונג פאר די קומענדיגע דור פון STEM לערערס און קאונסלערס; און מיטהאלטן פארלאנגטע ראיאנישע צאמקונפטן צו מיטהאלטן און פירן פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג סעסיעס יעדע יאר.

צו לערנען מער איבער די מייסטער לערער פראגראם, באזוכט: www.suny.edu/masterteacher.

**סטעיט סענאטאר Toby Ann Stavisky (טאבי ענן סטאווויסקי) האט געזאגט,** "ניו יארק דארף אונזער לערער און קאנסעלארס יעצט מער ווי אייביג, און די פראגראם אנערקענט גענוי וויפיל זיי טראגן יעדען טאג. זיי זענען ערציער, מענטארס, פירער און פראבלעם לעזער, העלפענדיג סטודענטן אין די קלאסצימער ווען העלפנדיג יונגע מענטשן אדורכגיין קאלידש, קאריערס און לעבן. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און SUNY פארן פארשטערקערן די פראפעסיע און פארזיכערן אז די קומעדיגע גענעראציע פון ניו יארקער האבן די הילף זיי פארדינען."

**אסעמבלימעמבער Alicia L. Hyndman (אליסא ל. הינדמאן) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס ערציונג סיסטעם איז אן עקאסיסטעם, און די פארבינדונג צווישען אונזער SUNY קאמפוסעס און אונזער K-12 קאלסצימערן איז די הארצקלאפ פון די סיסטעם. אלץ טשעיר פון די קאמיטעט אויף העכערע ערציונג, איך אפלאודיר גאווערנער Hochul (האקול) און טשענסעלאר King (קינג) פארן אינוועסטירן אין די "מייסטער לערער" מאדעל. דורך פארשטערקערן די ערפארענע ערציער צו מענטארן די קומעדיגע גענעראציע, אונז טוהן נישט נאר אנהאלטן טאלאנט; אונז פארזיכערן אז יעדער סטודענט - פון באפעלא צו סטאוטאיסט קווינס - האט צוטריט צו די ערשטע-קלאסיגע STEM אנווייזונגען זיי דארפן צו פארמעסטן אין די צוקונפטיגע עקאנאמיע."

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**

די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, איז די גרעסטע ארומנעמיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און מער פון 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינע פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אריבער די סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט צענטערן, פינף שפיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי צאן געזונטהייט סקולס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע שיפעריי סקולס און די סטעיט'ס איינציגסטע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און זי פארוואלטעט אויך אויף איין נאציאנאלע לאבארעטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט (US Department of Energy). אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן

סטודענטן וועלכע לערנען אריבער אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.16 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכענענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און פראפעסארן. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן